# א גריס פון
# בית פיגא

פרשת שמות

כ"ה טבת תשפ"א

יאר 1 גליון 8

## מעשיות פון תפילה

### גאנץ פרי 1 עי

אונז האבן שוין זייער לאנג געבעטן די אייבערשטער אז אונזער טיטשער מיס שארף זאל שוין ווערן א כלה, און ש'כח אייבערשטער אז לעצטע וואך דאנערשטאג איז זי געווארן א כלה! אונז זענען אזוי פרייליך, ש'כח אייבערשטער!



### ערשטע קלאס - שיינדי יאקאבאוויטש

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז לאה'לע יאקאבאוויטש זאל קומען צו מיין הויז און ש'כח אייבערשטער אז זי איז געקומען, ש'כח אייבערשטער!



### צווייטע קלאס -עליזה מזרחי

איך האב נישט געטראפן מיין פענסיל קעיס, איך האב עס געזוכט איבעראל, ביז איך האב מיך דערמאנט אז איך האב נאכנישט געבעטן די אייבערשטער, האב איך אנגעהויבן צו בעטן די אייבערשטער אז איך זאל עס טרעפן, און ש'כח אייבערשטער, איך האב עס נאכדעם געטראפן אויף אן אנדערע פלאץ ווי איך לייג עס אייביג, שכח אייבערשטער!



### פערטע קלאס - עטי ראטה

איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז מיין פעטער זאל שוין ווערן א חתן און ש'כח אייבערשטער ער איז שוין געווארן א חתן!



### עלטסטע קלאס - רייזי אריה

איך האב זייער שטארק געוואלט קומען צו די מלוה מלכה לעצטע וואך, אבער איך האב נישט געהאט קיין וועג ווי אזוי אנצוקומען. איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל קענען קומען און ש'כח אייבערשטער איך האב געטראפן א וועג!



### בית פיגא ליבערטי - רוטי מזרחי

עס איז געווען זונטאג צופרי און איך האב זייער שטארק געוואלט גיין שפילן מיט א חבר'טע, איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל קענען גיין, מיין מאמע האט מיך געזאגט אז אויב איך גיי איר העלפן אויפרוימען די הויז גייט זי מיך לאזן גיין, האב איך געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל האבן כח צו אויפרוימען און ש'כח אייבערשטער אז איך האב געהאט כח, און נאכדעם האב איך געקענט גיין, ש'כח אייבערשטער!



# א בריוו פון די ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה; יתברך

יום ד; פרשת שמותב י (ח טבתב שנת תשע (ט לפרט קטן

תת,תחרפ,תלמידה,בית,פיגא,ברסלת

איך האב ערהאלטן דיין בריוד

דיינע טיטשערס און מנהלת תחי; רעדן זייער שיין פון דיר אז דיין התנהגות איז מיט גרויס דרך ארץד

שלמה המלך זאגט (קהלת ב א): (טוב שם משמן טוב, כ עס איז בעסער פארן מענטש א גוטע נאמען מער ווי די בעסטע שמעקעדיגע אויל (פערפוםב ווייל אפילו מען זאל לייגן אויף זיך גוטע שמעקעדיגע אויל וועלן נאר די מענטשן וואס שטייען ארום דעם מענטש שפירן דעם אויל וכוב אבער א גוטע נאמען גייט פון איין עק וועלט ביזן צווייטןנ אויך וועסטו מאכן א נחת רוח פאר דיינע עלטערן מיט דעם וואס דו וועסט זיך פירן מיט גוטע מידותד

דו ווייסט אוודאי פארוואס דער רבי האט געוואלט מען זאל אים רופן מיט זיין מאמע;ס נאמען רבינו נחמן בן פיגא און נישט מיט זיין טאטעס נאמען ג בן שמחהב ווייל זי האט אים אויפגעצויגן מיט יראת שמיםד

דער רבי;ס טאטע איז געווען א באהאלטענער צדיקב ער איז געווען רוב צייט גלות לײדן און ער האט זיך נישט געפונען אין שטובב נאר זיין מאמע האט אים מגדל געוועןד זי פלעגט גיין כסדר מיטן רבי;ן צום קבר פון איר הייליגע זיידע דער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו וואר זי האט געוויינט צום אייבערשטן זי זאל זוכה זיין צו אויפציען קינדער צדיקיםד

זאלסטו אויך נאך גיין אין די וועגןנ געוואוין זיך צו צו רעדן צום אייבערשטןד יעדע זאך וואס דו דארפסט זאלסטו בעטן פונעם אייבערשטן אויף דיין שפראךב וועסטו אויך זוכה זיין צו ווערן א גרויסע צדיקתד

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים ד

# מזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר אונזער חשובע טיטשער:

**מיס שארף**

צו איר שידוך!

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר:

**בלומא רחל הורוויץ**

צו איר שידוך!

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר אונזער חשובע שטעטל טיטשער:

**פעסי שטראססער**

צו איר שידוך!

# מעשה פון א צדיק

דער הייליגע רבי האט פארציילט א מעשה, עס איז אמאל געווען א גרויסע מעכטיגע קעניג, וואס האט געוואלט גיין פאנגען חיות. ער האט זיך אנגעטון פשוטע קליידער, און ער איז געגאנגען מיט זיינע מיניסטארן אין וואלד. ווען זיי זענען שוין געווען טיף אינמיטן די וואלד האט פלוצלינג אנגעהויבן צו דינערן און בליצן, עס האט זיך אראפגעלאזט א גאס רעגן, אלע מיניסטארן זענען שנעל געלאפן זיך באשיצן פון די רעגן און אינגאנצן פארגעסן וועגן די קעניג. פלוצלינג טרעפט זיך דער קעניג אליינס אין וואלד, ער האט נישט געוואוסט וואס צו טון. מיטאמאל באמערקט דער קעניג פון דערווייטנס א קליינע ארעמע הייזקעלע. דער קעניג איז שנעל אהינגעלאפן און געקלאפט אויפן טיר. אן ארימע איד עפענט אויף די טיר, און ער זעט א מענטש שטייט אינדרויסן אינגאנצן דורכגעווייקט נאס. דער איד האט אים שנעל אריינגערופן אין זיין הויז, אים געגעבן פרישע קליידער אנצוטון, און ווארעמע זופ צו עסן. דערנאך האט ער אים געוויזן א בעט ווי ער זאל זיך קענען אביסל אראפלייגן. ווען די רעגן האט זיך ענדליך אויפגעהערט, זענען אלע מיניסטארן צוריקגעקומען און זיי האבן געוואלט צוריקטראגן די קעניג צום פאלאץ, אבער זיי האבן אים נישט געקענט טרעפן. זיי האבן אים געזוכט איבעראל, ביז איינער האט זיך אנגערופן אפשר לאמיר אריינקלאפן אין די קליינע הויז דארטן? זיי קלאפן אריין און דער איד עפנט די טיר, און ער זעט דארטן באדינערס פון די קעניג, ער האט זיך אינגאנצן דערשארקן, די באדינערס פרעגן אים "האט איר אפשר געזען די קעניג?" ער איז געווארן אינגאנצן צומישט און נישט געוואוסט וואס זיי ווילן פון אים, "וואס הייסט? דער קעניג איז אין פאלאץ," די באדינערס קומען אריין און זיי זעהן דער קעניג ליגן אויף א שטרויענעם בעט מיט אלטע צוריסענע קליידער, די באדינערס האבן שנעל געוואלט נעמען די קעניג און אים צוריקטראגן צו די פאלאץ אבער דער קעניג האט זיך אנגערופן, "וואו זענט עטס געווען ווען איך האב געדארפט אייער הילף? איך וויל ער זאל מיך צוריקפירן צו מיין פאלאץ און מיך אנטון מיין קרוין," און דער איד האט טאקע צוריקגעפירט דעם קעניג צום פאלאץ. און אים אנגעטון זיין קרוין. מען קען זיך לערנען זייער א שיינע זאך פון די מעשה, יעצט ביפאר משיח קומט איז דא אזויווי א מבול פון אפיקורסוס, זייער ווייניג מענטשן רעדן צו דער אייבערשטער, זיי מיינען אז דער אייבערשטער איז נאר אין שול און מען קען נישט סתם אזוי רעדן צו אים. דער אייבערשטער איז אזויווי דער קעניג וואס איז געבליבן אליינס אין וואלד, אלע חשובע מענטשן זענען אנטלאפן. עס קומט א פשוטע מיידל און זי רעדט צו דער אייבערשטר אין איר אייגענע ווערטער און יעדע זאך בעט זי דער אייבערשטער און זי טוט מצות מיט א שמחה און דאס ברענגט אזא נחת רוח פאר דער אייבערשטער. באלד ווען משיח קומט, וועט ער ווייזן מיט די פינגער אויף די פשוטע מיידל, אז זי מיט אירע פשוטע מעשוית פון תפילה און מצות האט געברענגט משיח!



# פון אונזערע לערערינס...

בעזרת ה' יתברך

יום ב' וארא תשע"ח

לכבוד מיין טייערע תלמידה.... תחי'

איך האב אזוי הנאה צו הערן דיין הערליכע דאווענען! זאלסט וויסן אז ווען דו דאווענסט מיט הויעך, מאכט עס די גאנצע קלאס'ס דאווענען לעבעדיג, און עס געבט פאר מיך א ספעציעלע הנאה. דיין דרך ארץ איז מורא'דיג, ווי דו רעדסט צו יעדן אזוי שיין, נישט נאר צו די טיטשערס, נאר אויך צו די אנדערע מיידלעך, און וועגן דעם האט דיך יעדער ליב, ווייל דו טשעפעסט נישט קיינעם, און אייביג פרובירסטו צו געבן א גוט ווארט פאר אן אנדערע. א מיידל וואס האט אייביג א שמייכל, זי איז אייביג פריילין, זי איז א מיידל וואס יעדער וויל זיין ארום איר. און אי"ה ווען דו וועסט זיין א מאמע, וועסטו פריילין מאכן דיין מאן און קינדער, מיט דעם וואס דו לייגסט אייביג א שמייכל אויף דיין פנים, און דו רעדסט נאר פאזיטיוו.

איך האב זייער הנאה צו זען ווי דו העלפסט דיין מאמע פריילינכערהייט, ווען זי דארף דיין הילף בלייבסטו אינדערהיים, וואס דאס איז די וויכטיגסטע פון אלעס, ווייל מיר לערנען אין סקול נאר כדי צו מקיים זיין וואס מיר לערנען. אוודאי איז וויכטיג צו קומען יעדן טאג אין סקול, ווייל מען קען פארפאסן וויכטיגע זאכן ווי הלכות, נייען, אדער אנדערע, און דאס דארף מען זיכער, פרעגן א מיידל וואס מען האט געטון, און טון די היימארבעט. אבער מיט דעם אלעם, העלפסטו דיין מאמע מיט א שמייכל, און ווייל דו מאכסט איר נישט פילן שלעכט אדער ווי דו טוסט איר א גאנצע טובה, נאר דו טוסט עס פריילינכערהייט, וועסטו זען אז דיינע קינדער וועלן דיך מכבד זיין. ווייל אזוי האט מוהרא"ש אונז אויסגעלערנט, אז וויאזוי מען פירט זיך צו די עלטערן, אזוי וועלן זיך די קינדער פירן צו אונז. פרוביר צו רעדן ריסעס טיים מיט אנדערע מיידלעך, קוק דיך ארום און זעה ווער עס זיצט אליינס, און קענסט צוגיין און אנהייבן א שמועס וועסטו אויפלעבן א מיידל.

## נייעס אין בית פיגא

~ מוצאי שבת איז פארגעקומען א הערליכע מלוה מלכה, עס איז געווען א שיינע סורפרייז, ווען די מיידלעך פון שטעטל זענען אנגעקומען. מרת לעזער האט זייער שיין גערעדט און פארציילט א מעשה פון א צדיק, דערנאך האט מען געטאנצן און געשפרינגען, און זיך געפרייט אז מען איז א איד.

~ ש'כח אייבערשטער, עס איז דא נאך א שמחה אין בית פיגא, מיס שארף די געטרייע איבערגעגעבענע פרי 1 עי טיטשער איז געווארן א כלה! די גאנצע סקול טוט זיך מיט פרייען מיט איר שמחה. די תנאים איז פארגאקומען דאנערשטאג נאכט אין די ברסלב'ע שול אין בארא פארק, עס איז געווען גאר א שיינע און פשוטע שמחה אזויווי די ראש ישיבה שליט"א לערנט אויס.

~ די וואך דינסטאג נאכט איז געווען א פריילינכע נאכט עס האט זיך אנגעהויבן מיט די שידוך פון פעסי שטראססער א געטרייע טיטשער אין די שטעטל סקול. אפאר שעה שפעטער איז פארגעקומען נאך א פריילינכע שמחה, בלימי הורוויץ איז געווארן א כלה, ש'כח אייבערשטער פאר אזויפול שמחות!

~ אין די פערדע קלאס פון שטעטל ווען א מיידל איז זייער וואויל שרייבט די טיטשער שיינע מצוה צעטל פאר די מיידל און נאכדעם הענגט זי עס אויף די וואנט, די וואך האט מען אויפגעהאנגען זייער אסאך מצוה צעטלעך, ש'כח אייבערשטער!

## די פרשה לערנט מיר

אונז זעהן אין די פרשה ווי אלע אידן זענען געווען קנעכט פאר פרעה, זיי האבן געארבעט ביטער שווער א גאנצן טאג, אבער איין שבט, שבט לוי איז געווען אויסגעלייזט, זיי האבן געוואוינט אין גושן און געהאט א שיינע, זיסע לעבן ווייל זיי האבן געפאלגט א צדיק זיי זענען טאקע געווען אין גלות, אבער זיי זענען געווען אויסגעלייזט.

היינטיגע צייטן ארבעט מען נישט שווער, היינטיגע צייטן איז דא אן אנדערע גלות, מען ציטערט וואס גייט יענער טראכטן, און וואס גייט זי מיינען אויף מיר און מען לעבט פאר יענעם, אבער אויב מען האט א צדיק און מען פרעגט אלעס פון די צדיק און מען פאלגט וואס די צדיק זאגט דעמאלטס האט מען אן אויסגעלייזטע לעבן, מען איז טאקע אין גלות אבער מען איז אויסגעלייזט.

## ספר המדות ווינקל

ג. הַכְנָסַת אוֹרְחִים מְזַכָּה אֶת הָאִשָּׁה לְבָנִים.

דורך הכנסת אורחים איז א פרוי זוכה צו קינדער.

ד. הַכְנָסַת אוֹרְחִים כְּהַכְנָסַת שַׁבָּת.

אריינברענגען געסט צו זיך איז גערעכנט ווי מקבל זיין דעם שבת.